בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת מִקֵּץ

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס מֵיינְט אַז דִי וַואסֶער פוּן יַרְדֵן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר בִּטָחוֹן?..................א

זָאל אִיךְ קוּמֶען שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל אָן מַיין מִשְׁפָּחָה?..................ב

לֶערְנֶען שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים?..................ג

גֶעטְרַאסֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ מְגֻוֵל, דִי לֶעצְטֶע מִינוּט..................ד

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פְּחָדִים פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת? ..................ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע גְלַייכְט נִישְׁט מַיין מַאן?..................ח

וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע מַצָבִים? ..................ט

בֶּעטְן אַז אַ קְרַאנְקֶער זָאל שְׁטַארְבְּן? ..................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַנְשְׁטָאט קוּקְן שְׁלֶעכְט, קוּק מִיט רַחְמָנוּת..................א

גֶעבּ פַּאר אִידְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן..................ב

דֶער שָׂטָן שְׁפְּרִינְגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁידוּךְ..................ב

אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי בִּזָיוֹן פַאר דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער ..................ג

פְּלַאנְצְט אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אֵיידְלְקֵייט ..................ה

זִיךְ עַקְשְׁנ׳עֶן צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען..................ה

נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה בִּיז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם ..................ז

לֵייג אַוֶועק אַלֶע אַלְטֶע שְׁוַוארְצֶע וֶוייטָאג אוּן גֵיי צוּ דַיין טַאטֶע ..................ח

עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אַלֵיין, ווִי צוּ הָאבְּן אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֶר'טֶע .......... ח

לֵיצָנוּת אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ .......... ט

וֶוער הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דַיין לֶעבְּן? נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים .......... יא

דִי אִיבְּרִיגֶע חֵלֶק טָאג זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען .......... יב

אַ טַאטֶע וֶועט זִיכֶער פַארְדֶענֶען זַיין זוּן .......... יג

חֲנוּכָּה אִיז מֶען אִין שְׁטוּב .......... יג

אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי בִּילִיגֶע גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל .......... יד

שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל .......... טו

אַ מַאמֶע הָאט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע .......... טז

אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר דִי בָּחוּרִים .......... יז

זִיךְ פְּלָאגְן אוּן מִיעֶן פַאר זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט .......... יח

ווִיפִיל כֹּחוֹת דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער .......... יט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט צֵיין וֵוייטָאג צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן פְלִיגֶער קְרַאךְ .......... יט

אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת .......... כ

אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידְל, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער .......... כד

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה .......... כה

דִי שִׂמְחָה פוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לֶעכְט, זָאל אִיבֶּערְדִינֶען אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה .......... כז

זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב צוּ צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט .......... כז

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אַ בַּאקְס מִיט גֶעלְט? .......... כט

דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּם צַדִיק .......... ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס מֵיינְט אַז דִי וַואסֶער פוּן יַרְדֵּן אִיז אַ סְגוּלָּה פַּאר בִּטָּחוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַּאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַּאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אוֹיךְ פַּאר דִי שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן פַּאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַּאר אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת "מֵי הַיַּרְדֵּן הֵם סְגוּלָּה לְבִטָּחוֹן"; וָואס אִיז דִי סְגוּלָּה, עֶס צוּ טְרִינְקֶען אָדֶער זִיךְ טוֹבֵל'עֶן? אָדֶער בֵּיידֶע?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֵיינְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן יז): "מֵי הַיַּרְדֵּן הֵם סְגֻלָּה לְבִטָּחוֹן", דִי וַואסֶער פוּן יַרְדֵּן אִיז אַ סְגוּלָּה פַּאר בִּטָּחוֹן; דָאס מֵיינְט טְרִינְקֶען אָדֶער זִיךְ אָפְּוַואשְׁן? אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן דֶערְצֵיילְט הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א (סִימָן תרכז), וֶוען מוֹהֲרַ"ן אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁנַת תש"ם, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז מוֹהֲרַ"ן אַרִיבֶּערְגֶעפָּארְן נָאנְט צוּם יַרְדֵּן, אוּן מוֹהֲרַ"ן הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין צוּם יַרְדֵּן, מוֹהֲרַ"ן

הָאט גֶענוּמֶען פוּן דִי וַואסֶער אוּן גֶעמַאכְט אַ שֶׁהַכֹּל אוּן גֶעטְרִינְקֶען, אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דִי פָּנִים. דִי בַּאגְלֵייטֶער הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס אִיז, הָאט זֵיי מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ 'מֵי הַיַּרְדֵּן הֵם סְגֻלָּה לְבִטָּחוֹן', דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר בִּטָּחוֹן".

מוֹהֲרָא"ש אִין אַ בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כב, ג' אֲלָפִים שמ"ו), רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּטָּחוֹן, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "זָכִיתִי לְקַיֵּים אֶת הַדִּבּוּר הַזֶּה מֵרַבֵּינוּ ז"ל", אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, "וּמִי יִתֵּן שֶׁנִּזְכֶּה לְקַיֵּים כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁיָּצָא מִפִּי רַבֵּינוּ ז"ל, וְאָז טוֹב לָנוּ לְנֵצַח נְצָחִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ קוּמֶען שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל אָן מַיין מִשְׁפָּחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אִיךְ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל? אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אִין שְׁטֶעטְל מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה; מַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט קוּמֶען, אָבֶּער זִי זָאגְט מִיר אַז אִיךְ קֶען גֵיין אַלֵיין מִיט מַיין זוּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֵיין, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה. דוּ וֵוייסְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן וֶועגְן פָארְן שַׁבָּת חֲנוּכָּה קַיין אוּמַאן, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, מַאכְן לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ, אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, עֵצוֹת און חִיזוּק; הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אִין אַ פְּלַאץ, עֶס אִיז דִי לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ. נָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, און דֶעמָאלְט זֶענֶען זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים מוֹסֵר נֶפֶשׁ, מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מְקַבֵּל זַיין דִי תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְתַקֵּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וַוייל דִי וָואךְ הָאט מִיר מַיין בְּרוּדֶער גֶעזָאגְט אַז אַ צְוֵוייטֶער בְּרוּדֶער גַנְבְ'ט גֶעלְט פוּן מַיין טַאטְנְ'ס אַקַאוּנְט און עֶר מַאכְט אִים הַארְץ וֵוייטָאג, און מֶען דַארְף יֶעצְט אָפְּהַאקְן מִיט אִים, און וַוייל אִיךְ הָאבּ פַארְדֶעם גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער גָארְנִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס לְשֵׁם שָׁמַיִם - דֶעריבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק, סַיי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין און סַיי צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים, לִכְבוֹד דֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי מָאל צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין קִרְיַת יוֹאֵל און אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע וַוארעמְקֵייט און אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט גוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ מֶער נִישְׁט צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם וֶוען עֶס קוּמֶען און גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן און עֶס אִיז זֵייעֶר אוֹיפְפַאלְנְד וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט מִיט

אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן לֶערְנְט דָארְט, עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיס ווִי אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא ווֵיינִיג פְּלַאץ צוּ זִיצְן; ווִייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב אִיךְ קֶען זִיצְן אִין מַיין קַאר נֶעבְּן דֶעם בֵּית הַחַיִּים אוּן דָארְט לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים, אוֹיב עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי ווֶען מֶען זִיצְט בַּיים צִיּוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג)**: "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים ווֶערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלּוֹת אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט ווֶערְד מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיין גֶעבֶּעט; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - סֵיי פַאר מֶענֶער, סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן - צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים זָאל מֶען זֶען יְשׁוּעוֹת.**

**דַיינֶע שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין שׁוּל, אוּן בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין; מִ'אִיז נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת, אוּן טוּ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ מְנֻוָּל, דִי לֶעצְטֶע מִינוּט

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אַ גְרוֹיסֶע "אֲסִיפַת הַצָּלָה" קֶעגְן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, אִיךְ

בִּין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען מִיט עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים צוּ מַאכְן הֲפָּצָה, מִיר הָאבְּן דָארְט אוֹיסְגֶעטֵיילְט אוּמְגֶעפֶער צְווֵיי טוֹיזְנְט קַארְטְלֶעךְ, אוּן אִיךְ בִּין יֶעצְט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען עֶלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט מִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַ חַסִידִי'שֶׁער אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר וִויל אַ מִינוּט זֶען מַיין וֶועסְטְל, וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי הַיינְטִיגֶע בָּחוּרִים הָאבְּן אַ נֵייעֶ סָארְט וֶועסְטְל, אוּן עֶר בֶּעט מִיר צוּ קוּמֶען מִיט אִים הוּנְטֶער דֶעם בִּנְיָן. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הוֹיבְּט מִיר אָן אוֹיסְטוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן אָנְכַאפְּן דֶעם וֶועסְטְל, אוּן דַאן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְלֵייגְן זַיין הֶענְט אִין מַיין הֶעמְד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גְלֶעטְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט קוֹדֶם וָואס עֶר וִויל, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ לֵיין יֶעדֶע וָואךְ דִי "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אִיז פָּשׁוּט אַ מְנֻוָּל, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן. עֶר הָאט מִיךְ שְׁטַארְק אָנְגֶעכַאפְּט, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים אוּן אִיךְ בִּין אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל שְׁרַייבְּן מֶער פוּן דֶעם, זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל נָאר צוּלִיב דֶעם בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִין מַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּארְן מִיךְ רַאטֶעוֶוען דָאס לֶעבְּן, יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דִי "אֲסִיפַת הַצָּלָה" אִיז אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ נֵס הָאסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם מְנֻוָּל, קוּמֶענְדִיגֶע מָאל זָאלְסְטוּ זַיין נָאכְמֶער פָארְזִיכְטִיג; אוֹיבּ אַ פְרֶעמְדֶער רוּפְט דִיךְ אִין אַ ווִינְקְל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ וֶועם דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - אִין אַ שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז מְסוּכָּן.

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת און זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. הָאסְט יֶעצְט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט, דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר, יֶעדְן טָאג אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי יָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער. זָאג מִשְׁנַיוֹת אוֹיפְן קוֹל, זָאג אַרוֹיס הוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אַז נְשָׁמוֹת פוּן הִימְל זָאלְן זִיךְ בַּאוַוייזְן, דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז אַ מַגִיד פוּן הִימְל זָאל קוּמֶען צוּ אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּרְךְ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִים, פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִים, טֵייל עֶס אֵיין לוֹיט דִי טֶעג, און אַז דִי קוּמְסְט נִישְׁט אָן - זָאלְסְטוּ עֶס עֶנְדִיגְן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ, און אַז דָאס אִיז אוֹיךְ צוּ סַאךְ פַאר דִיר - זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס תְּהִלִים.

שְׁרַייבּ מִיר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיו, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פְּחָדִים פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת און חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז.

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים בִּין אִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הָאַרִיזַ"ל, אָבֶּער שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי דִי גוֹי'טֶע פוּן גְרֶאסֶערִי שִׁיסְט אוֹיף מִיר, און עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי מַיין מַאן שְׁטַארְבְּט, און נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט אוֹיף מִיר.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא, מַיין מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶר שְׁטַארְבְּט, וָואס מֵיינְט דָאס?

וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פְּחָדִים? אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען הָאט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת זָאל מֶען בַּאקוּקְן דִי מְזוּזוֹת אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען כָּשֵׁר. צְוֵוייטְנְס זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס קֶען זַיין פוּן אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן בַּייטָאג פוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן - קוּמְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נה:): "אֵין מַרְאִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא מֵהִרְהוּרֵי לִבּוֹ", מֶען וַוייזְט נִישְׁט אִין חָלוֹם פַאר מֶענְטְשׁ נָאר דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּייטָאג.

אַמָאל קוּמֶען שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת פוּן הִימְל וַוייל מֶען אַבִּיסְל צֶעקְלַאפְּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע גַּאֲוָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גַּאֲוָה, סִימָן יט): "מַבְהִילִין אֶת הָאָדָם בַּחֲלוֹמוֹת", מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַ מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת, "כְּדֵי לְהָסִיר מִמֶּנּוּ גַּאֲוָה שְׁקוּעָה, שֶׁהוּא מְכֻסֶּה מִמֶּנּוּ שֶׁאֵינוֹ מַכִּיר בָּהּ", אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע גַּאֲוָה; מֶען זָאל מֶער טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל מֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן - גֵייעְן אַוֶועק דִי פְּחָדִים, מֶען לֶעבְּט אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פְּחָדִים פוּן גָארְנִישְׁט.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן שְׁטַארְבְּן, דַארְף מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט, עֶר מַאכְט נָאר גוּטְס, אַלֶעס מַאכְט עֶר אוּן אַלֶעס טוּט עֶר; דָאס בַּארוּאִיגְט, דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע גְלַייכְט נִישְׁט מַיין מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּן מַיין מַאמֶע אַז זִי אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן, אוּן אַז אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן סַאךְ אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הָאב אִיךְ אִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין מַאמֶע אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע, אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפִילְט אַזוֹי פַאר דִי חֲתוּנָה. אִיךְ בִּין זִיכֶער וֶוען זִי וָואלְט גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק עֶס שְׁטֶערְט מִיר וָואלְט זִי זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן, אָבֶער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ וֵויין אַסַאךְ וֶועגְן דֶעם.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאן פוּן דֶעם, אִיךְ זָאג אִים אַלְץ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג עֶפֶּעס זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע, אוּן אוֹיבּ יָא, וָואס אוּן וִוי אַזוֹי?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער לֶעבְּן וֶוערְט נָאר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר קְלוּג פוּן אַייךְ אַז אִיר דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פַאר אַייעֶר מַאן, פַארְקֶערְט, אִיר זָאגְט אִים וִוי שְׁטַארְק אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים לִיבּ; אַזוֹי וֶועט זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן טַאקֶע זֶען נַחַת בַּיי עֶנְק אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַעַר - נִישְׁט פוּן אַייךְ אוּן נִישְׁט פוּן אַייעֶר מַאן, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אַייךְ אַז זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִי שִׁידוּךְ, אוּן אַז אִיר וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן פִיל אַ בֶּעסֶערֶע

שִׁידוּךְ - זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זָאגְט אִיר: "מַאמִי אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן", דֶערְצֵיילְט אִיר וְוִי שֵׁיין אַייעֶר מַאן פִירְט זִיךְ צוּ אַייךְ, אוּן אַז אַלֶע שִׁידוּכִים זֶענֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז זִי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, זִי רֶעדְט וַוייטֶער קֶעגְן - זָאלְט אִיר מִיט חָכְמָה פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס אוּן רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן.

דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר וֵויטָאג, נֶעמְט דִי תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרֵיין אִין דִי פְּסוּקִים אַייעֶרֶע וֵויטָאג, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְן, פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וְוִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַן אֶמֶת'עֶר עוֹבֵד הַשֵּׁם, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אוּן גוּט אוּן וואוֹיל. יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דֶעם.

מַיין מַאן גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה, אוּן עֶר דַארְף שְׁלָאפְן זֵייעֶר אַסַאךְ כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן זַיין נֶפֶשׁ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז מְטוּפָּל בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער מִיר אִיז עֶס בִּיטֶער בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן עֶס גֵייט נָאךְ נֶעמֶען וָואכְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּגָל עֶס אַרִיבֶּערְצוּטְרָאגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פַארְוָואס פּוּנְקְט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין מַאן?

מַיין מַאן דַארְף יֶעצְט פוּן מִיר אַסַאךְ הִילְף אוּן חִיזוּק, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז עֶר דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק אִין שְׁטוּב, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז דִי מַצָּב אִיז יֶעצְט פַארְקֶערְט. אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ קֶען טַאקֶע נִישְׁט, אִיךְ בִּין צוּ קְלֵיין פַאר אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן שִׂמְחוֹת, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז

שׁוֹין שְׁוֶוער, און מַיין טַאטֶע און מַיין מַאמֶע הַאלְטְן אַז אִיךְ מוז מַמְשִׁיךְ זַיין מַיין לֶעבְּן און גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט, און אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט דֶעם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר וָואס צוּ זָאגְן? אַן עֵצָה, עֶפֶּעס חִיזוּק, ווַייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און צֶעשָׁאסְן פוּן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַזַא צַעַר פוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער, עֶס רַייסְט מִיר מַיין הַארְץ פוּן וָואס אִיר מַאכְט מִיט, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. עֶרְשְׁטְנְס אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, און פַאר דֶעם וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער, אַז דָאס אִיז נָאר אַן אִיבֶּערְגַאנְג, עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, עֶר וֶועט צוּרִיק וֶוערְן גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, און דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וָואס שְׁטַארְקְן אַייךְ צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ און נִישְׁט עֶס צֶעבְּרֶעכְן.

תּוֹדָה וְהוֹדָאָה אִיז אַזוֹי ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען גֶעזוּנְט פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ, מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט כֹּחוֹת פוּן עוֹלָם הַבָּא, פוּן גַּן עֵדֶן; מֶען זֶעט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

אִיךְ וֵייס אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר זֶענְט יוּנְג און מֶען פְּרוּבִירְט

אַייךְ אוֹיס מִיט אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר, עֶס אִיז נָאר אַן אַרִיבֶּערְגַאנְג, אוּן אַז אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיר וֶועט וַוייטֶער פִּירְן דִי שְׁטוּב, אִיר וֶועט וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת - וֶועט קוּמֶען אַ שְׁנֶעלֶע יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעטְן אַז אַ קְרַאנְקֶער זָאל שְׁטַארְבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן פַאר דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר אוּנְז.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת צַדִּיק, סִימָן קט"ז): "לִפְעָמִים צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל הַחוֹלֶה שֶׁיָּמוּת", ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוען מֶען דַארְף אַזוֹי מִתְפַּלֵל זַיין?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא דִי שְׁאֵלָה אִין שו״ת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק כ, סִימָן ב׳ תקי), אֵייגֶער פְּרֶעגְט אָן מוֹהֲרַא״שׁ אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קטז): ״לִפְעָמִים צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל הַחוֹלֶה שֶׁיָּמוּת״, אַמָאל אִיז גוּט צוּ בֶּעטְן

אויף אַ חוֹלֶה עֶר זָאל שׁוין שְׁטַארְבְּן; מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶּערְט אִים, אַוַדַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן, אֲפִילוּ וֶוען דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן בֶּעטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת י.): "אֲפִלּוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם", אֲפִילוּ עֶס לִיגְט אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְן הַאלְז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים", זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָארְט, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "לִפְעָמִים צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל הַחוֹלֶה שֶׁיָּמוּת", אַמָאל דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַ חוֹלֶה עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲזַ"ל, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, עֶר לֶעבְּט נָאר אוֹיף אַ מַאשִׁין, וָואס מֶען קֶען נֶעבֶּעךְ לִיגְן אַזוֹי אוֹיף אַ מַאשִׁין יָארְן, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אוּן מֶען אִיז אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, דָאס אִיז שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקְל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִים קֶענֶען דִינֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַנְשְׁטָאט קוּקְן שְׁלֶעכְט, קוּק מִיט רַחְמָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מְהַפֵּךְ דַיין כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן יח), אַנְשְׁטָאט קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף דִי טַאטֶע וָואס אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיינֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זֶענֶען הֶפְקֵר; זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי נֶעמֶען אוּנְטֶער דַיין פַּארְטוּךְ אוּן זַיי מְגַדֵּל זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רַחְמָנוּת.

וָואס נֶעמְסְטוּ אוֹיף דִיר זַאכְן וָואס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס? אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן שָׁאדְן גֶעמַאכְט דֶעם שָׁכֵן׳ס קַאר, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר; זָאל דֶער שָׁכֵן גֵיין צוּ זֵייעֶר טַאטֶע וְכוּ׳, זָאל עֶר גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אָבֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן, זַיי מְקָרֵב זַיין, אוּן מְהַפֵּךְ זַיין דִי כַּעַס צוּ רַחְמָנוּת.

אוֹיךְ אוֹיפְן טַאטְן זָאלְסְטוּ מְהַפֵּךְ זַיין דִי כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזוֹי סַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן צַעַר, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען הַיינְט אַ בְּחִינָה פוּן שִׁיכּוֹרֶת וְלֹא מִיַּיִן, שִׁיכּוֹר פוּן צָרוֹת; מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אַז מֶען כַאפְּט אַ בִּזָּיוֹן נֶעמְט מֶען עֶס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ פַאר אִידְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; נֶעם צַאם דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי׳ן אוּן טֵיילְט אַייךְ אַיין צוּ גֵיין יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת אִין אַלֶע שׁוּלְן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטָאט אוֹיסְלֵייגְן אִין שׁוּלְן דִי גִּלְיוֹנוֹת. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג אִין לֶעבְּן, מֶען גֵייט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וואוּ אַוֶועק צוּ לוֹיפְן; לוֹיפְט מֶען צוּ דְרָאגְס, צוּ אַלְקָאהָאל, מֶען לוֹיפְט אִין שְׁוִויץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דָאס זָאל זַיין דַיין קַבָּלָה פַאר דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג.

פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶערְן אוּן דוּ וֶועסְט זוּכְן וָואס פַאר אַ גוּטֶע קַבָּלָה זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען, זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ גֵיין נָאךְ מֶער הֲפָצָה, לֵייגְן אִין דִי שׁוּלְן גִּלְיוֹנוֹת, אוּן גֶעבְּן פַאר בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס וַוייזְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֲפָצָה אִיז דַיין זַאךְ אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער שָׂטָן שְׁפְּרִינְגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי אַלֶע קְלָלוֹת וָואס מֶען הָאט אַייך צַאמְגֶעשָׁאלְטְן פַארְן מַאכְן דִי שִׁידוּךְ וֶועט אוֹיף אַייך נִישְׁט קוּמֶען; נִישְׁט אוֹיף אַייך אוּן נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי זַאכְן, מַאכְט וָואס מֶער שִׁידוּכִים, יֶעדֶע שִׁידוּךְ אִיז אַ שְׁטָאךְ דֶעם שָׂטָן אִין פָּנִים, דֶער שָׂטָן שְׁפְּרִינְגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁידוּךְ, הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא.

צַדִּיקִים זָאגְן, וֶוער עֶס מַאכְט שִׁידוּכִים, ווער עֶס הֶעלְפְט מִיט שִׁידוּכִים - דֶער אִיז אַ פְרֵיינְד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער עֶס שְׁטֶערְט שִׁידוּכִים אִיז פַארְקֶערְט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז עוֹסֵק אִין שִׁידּוּכִים, פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם אִיז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל טוּט, אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דֶער וָואס הֶעלְפְט אַז אַ שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן - אִיז יְדִיד הַשֵּׁם.

מִיר וֶועלְן אַלֶע אָפְּגֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אַז מִיר טוּעֶן נִישְׁט גֶענוּג פַאר שִׁידּוּכִים, מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט נָאר עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַוֶועקְגֶעגֶעבְן דִי בִּזָּיוֹן פַאר דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ אַ גוּטֶע בִּזָּיוֹן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן אַפָּאר בָּחוּרִים הָאבְן מִיךְ אָנְגֶעגָאסְן מִיט וַויין, מַיינֶע וַוייסֶע זָאקְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן רוֹיט, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַאל זוּכְן וֶוער עֶס קֶען מִיר גֶעבְן פְרִישֶׁע זָאקְן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן גוּט פַארְשֶׁעמְט; הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי בִּזָּיוֹן גֶעבּ אִיךְ אַוֶועק פַאר דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז אַרִיבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן חֲתוּנָה מַאכְן זַיין זוּן הָרַב הַצַּדִּיק נַחְמָן, קַיין לִיפָּאוִויץ, דִי כַּלָה'ס הֵיימְשְׁטָאט. דֶער מִנְהָג פְלֶעגְט זַיין אַז וֶוען דֶער חָתָן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה פְלֶעגְן אָנְקוּמֶען אִין שְׁטָאט, פְלֶעגְט דִי כַּלָה'ס מִשְׁפָּחָה אַרוֹיסְגֵיין זֵיי מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט מוּזִיק אוּן גֶעזַאנְג, אוּן זֵיי אַרַיינְפִירְן אִין שְׁטָאט. וֶוען דִי מִתְנַגְדִים פוּן לִיפָּאוִויץ הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז רֶבִּי נָתָן קוּמְט, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קַבָּלַת פָּנִים, מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן שְׁטֵיינֶער, אוּן דִי כַּלָה'ס מִשְׁפָּחָה הָאט גֶערוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי וְכוּ', אוּן בִּיז דֶערְוַוייל אִיז רֶבִּי נָתָן אַנְטְלָאפְן אִין וַואלְד. וֶוען דִי פָּאלִיצֵיי הָאט גֶעמַאכְט סֵדֶר אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן רֶבִּי נָתָן, הָאט מֶען אִים גֶעטְרָאפְן אִינְמִיטְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, ווער אִין דֶער וֶועלְט בַּאקוּמְט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים ווִי אִיךְ? אֲפִילוּ וֶוען דֶער פָּשׁוּט'עֶר וַואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה זַיין זוּן בַּאקוּמְט עֶר נִישְׁט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס קוּמְט מִיר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאס נָאר וַוייל אִיךְ אַנְטְפְּלֶעק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט אוּן זַיינֶע עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט", נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט, וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען", עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּ זִיךְ דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מִיטְן נִיגוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל, נָאכְדֶעם הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט ווִי זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים, אִיז עֶר מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חֲתוּנָה אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וָואס קוּמְט מִיר אַז אִיךְ זָאל דַארְפְן אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, מֶען זָאל מִיךְ טְשֶׁעפֶען? אִיז דָאס אוֹיךְ נָאר פַארְן אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט, דָאס קָאסְט אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז'.

ווִי זָאגְט רֶבִּי נָתָן אִין דִי בְּרִיוו? "אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּלַאנְצְט אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּס, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיר גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה אוּן תּוֹרָה, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, דִי זִיסֶע וֶועג, אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן דִי חַיִּים טוֹבִים.

גֵייט אָן מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פְּלַאנְצְט אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַּאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיךְ פַּאר אַייעֶר גְרוֹיסֶע זֵיידֶע שְׁלִיטָ״א.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶועזְן מִיט דַיין בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִיר בְּרִיוו, צוּ זֶען וִוי דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וִוי דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ דַאוֶּוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי פְּלִיטֶעס, וָואס רוּפְן זִיךְ עוֹבְדִים - וָואס שְׁפַּאצִירְן אַהִין אוּן צוּרִיק, גֵייעֶן אוּן קוּמֶען; שְׁטֵיי אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶּוענֶען בִּיזְן סוֹף, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִי הוֹיט בְּרֶענְט דִיר, קֶענְסְט נִישְׁט אַיינְזִיצְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן אוּן יָא בְּלַייבְּן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶּוענֶען בִּיזְן סוֹף.

מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מִיט יָארְן צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים, אַז מֶען עַקְשְׁנְ׳ט זִיךְ צוּ בְּלַייבְּן זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶּוענֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען - וֶוערְט מֶען בִּבְחִינַת אָדָם הַיּוֹשֵׁב עַל הַכִּסֵּא, (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו), מֶען אִיז אַ מֶענְטְשׁ.

דַאוֶּוענֶען מִיט אַ סִידוּר, דַאוֶּוענֶען נִישְׁט פוּן אוֹיסְנְוֶוייניג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטְל קָטָן, סִימָן יא): ״יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ וּבְקוֹל הַמְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה״, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ דַאוֶּוענֶען אוֹיפְן קוֹל, אַזוֹי קֶען מֶען אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶּוענֶען, ״לְהַדְבֵּק הַמַּחְשָׁבָה לְדִיבּוּר״, מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען בֶּעט, ״וּפָנָיו אֶל הַכּוֹתֶל בְּתוֹךְ סִידּוּר הַתְּפִלָּה בַּבֹּקֶר וּבָעֶרֶב״, מֶען זָאל דַאוֶּוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ מִיט אַ סִידוּר, ״וְלֹא יִסְתַּכֵּל לִצְדָדִין מִתְּחִלַּת הַתְּפִלָּה עַד סוֹפָהּ״, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרוּם קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם אוּן אַרוּם, נָאר אַרַיינְקוּקְן אִין סִידוּר, ״וּבַחֲזָרַת הַשַּׁ״ץ הַשְּׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה יְעַיֵּין בְּסִידּוּר לַעֲנוֹת אָמֵן בְּכָל כֹּחוֹ עַל כָּל בְּרָכָה וּבְרָכָה״, אוּן בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל מֶען אַרַיינְקוּקְן אִין סִידוּר אוּן עֶנְטְפֶערְן אָמֵן מִיט כַּוָּונָה, ״וּבִשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה לְהַטּוֹת אָזְנוֹ עַל כָּל דִּיבּוּר וְדִיבּוּר מֵהַקּוֹרֵא כְּקוֹרֵא אֶת הַמְּגִילָּה״, אוּן בַּיים לֵיינֶען זָאל מֶען אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט אוֹיס מְגִילָה לֵיינֶען, ״וְלַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלֵּם בְּבֵית הַכְּנֶסֶת אֲפִילּוּ קוֹדֶם הַתְּפִלָּה וְאַחֲרֶיהָ עַד הֲלִיכָתוֹ לְבֵיתוֹ״, אוּן מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי אַ שְׁטוּמֶער וֶוען מֶען דַאוֶּוענְט.

דָאס זָאל זַיין אוֹיף וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, זַיין דַיין שַׁדְכָן מִיט אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה בִּיז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת, דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען זִיבְּן מָאל מִשְׁנָיוֹת. אוֹיךְ אַז דוּ לֶערְנְסְט גְמָרָא, אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר מוֹעֵד. זַיי מַמְשִׁיךְ, זֵיי אַן עַקְשָׁן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יז): ״מַדּוּעַ לֹא תִּלְמַד״, פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? ״מַה תַּפְסִיד בָּזֶה, הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד״, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא, ״וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ״, אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיר וַוייזְן לִיבְשַׁאפְט - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט דַארְפְן קַיין שְׂכַר, וֶועסְט נָאר וֶועלְן נָאךְ אוּן נָאךְ לֶערְנֶען.

בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט, קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן צוּבִּיסְלִיךְ אַיינְזַאמְלֶען גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַארְן סוֹפֵר, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן בַּאצָאלְן, וֶועט עֶר דִיר פַארְקוֹיפְן תְּפִילִין דְרַבֵּנוּ תָּם; בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ בָּארְגְן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תָּם פוּן אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים, חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֵייג אַוֶועק אַלֶע אַלְטֶע שְׁוַוארְצֶע וֶוייטָאג און גֵיי צוּ דַיין טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין טַאטֶע אִין שְׁפִּיטָאל אִים בַּאזוּכְן אֵיידֶער מֶען גֵייט אִים אַפֶּערִירְן. לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע נְגִיעוֹת, לֵייג אַוֶועק אַלֶע אַלְטֶע שְׁוַוארְצֶע וֶוייטָאג, גֵיי צוּ דַיין טַאטֶע, רֶעד מִיט אִים און דְרוּק אִים דִי הַאנְט מִיט לִיבְשַׁאפְט, דָאס אִיז דַיין מִצְוָה יֶעצְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אַלֵיין, ווי צוּ הָאבְן אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע בִּכְלַל? אַוַדַאי זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי חַבֶרְ׳טֶע, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן אַלֵיין, נִישְׁט הָאבְן קַיין חַבֶרְ׳טֶע - ווִי צוּ הָאבְן אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע וָואס רֶעדְט צוּ אַייךְ פוּן בָּחוּרִים און פוּן חֲתוּנָה הָאבְן וְכוּ׳, אַ נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע קֶען פַארְלֶעשְׁן דִי לֶעבְן, און נָאכְדֶעם מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ זֵייעֶר.

רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי שְׁכֵנָה, גֶעבְּט אַכְטוּנְג פַאר אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְן וָואס וַוארְט אַייךְ, אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעפַאלְן און רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ רֶעדְן; אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט ווִיסְן פַארְן לֶעבְן - וֶועלְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן מִיט אַייךְ וֶוען אִיר וֶועט עֶס דַארְפְן ווִיסְן, אוֹיךְ אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס וֶועלְן רֶעדְן מִיט אַייךְ וֶוען אִיר וֶועט אַ כַּלָּה וֶוערְן

און אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה. גֶעבְּט אַייךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גֶעפַאלֶענֶע שָׁכֵנְ׳טֶע וָואס מַאכְט אַייךְ קְרַאנְק מִיט רֶעדְן פוּן בָּחוּרִים וְכוּ׳.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיךְ פָּאלְגְן, וַוייל אִיךְ ווִיל נָאר אַייעֶר גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵיצָנוּת אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דֶעם רָב וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִיר קֶעגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים - דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, און וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ - אִיז דָאס אַ סִימָן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן אִים, זַיין טַאטֶע הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, פִיל מִיט לֵיצָנוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הָאסְט גֶעהֶערְט לֵיצָנוּת - זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוַוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט טוּן וָואס דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעטוּן וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים קֶעגְן דֶעם גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיטְן פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א׳ מֵאֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ) עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, וַוייל אֲפִילוּ אֵיין טְרָאפּ לֵיצָנוּת פַּארְשְׁטֶעלְט שׁוֹין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין אַפֵּי שְׁכִינְתָּא. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר מַאֲמָרֵי רז"ל, מַסֶּכֶת סוֹטָה): "דַּע כִּי בָּעוֹלָם הָאֲצִילוּת יֵשׁ חֲמִשָּׁה פַּרְצוּפִים", אִין עוֹלָם אֲצִילוּת אִיז דָא פִינְף מַדְרֵיגוֹת, "אָרִיךְ אַנְפִּין, אַבָּא וְאִמָּא", און "זְעֵיר וְנוּקְבָא", און עֶס אִיז דָא פִינְף עֲבֵירוֹת וָואס פַּארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם;

דִי וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת אִיז פוּן זֵיי פַּארְשְׁטֶעלְט דִי מַדְרֵיגָה 'אָרִיךְ אַנְפִּין', דִי וָואס חַנְפָה'נֶען אִיז פוּן זֵיי פַּארְשְׁטֶעלְט דִי מַדְרֵיגָה 'אַבָּא', דִי וָואס זָאגְן לִיגְנְט אִיז פוּן זֵיי פַּארְשְׁטֶעלְט דִי מַדְרֵיגָה 'אִמָּא', אוּן דִי וָואס רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אִיז פוּן זֵיי פַּארְשְׁטֶעלְט דִי מַדְרֵיגָה 'זְעֵיר וְנוּקְבָא'; עַיֵּין שָׁם.

טוּ תְּשׁוּבָה פַּארְן אוֹיסְהֶערְן לֵיצָנוּת אוֹיף הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וָואלְסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי פְּלַאץ - וָואס נָאר דוּ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְן וָואס הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר - אוּן אַרוֹיסְגֵיין. לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי שֶׁעדְלִיךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פַּארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ וָואס יֶענֶער לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בִּשְׁכֻנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הָארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'.

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת, אָן קַיין לֵיצָנוּת; מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אָפְּן הַארְץ - נָאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין אֵיין טְרָאפּ לֵיצָנוּת, נָאר דֶער וָואס פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד), וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת? נָאר דוּרְךְ תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ גֶעוואוּסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט פוּן מִיר מַאכְן, צוּ וָואס

מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם - וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְצֶע יָאר", דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעבֶּענְקְט צוּ דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "אַיי אַיי פְּרָאסְטַאק, וִוי וואוּיל אוּן וִוי גְרוֹיס אִיז דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

וואוּיל אִיז דֶער וָואס וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע לֵיצָנוּת, אַלֶע חָכְמוֹת, אוּן פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן אַנְטְלוֹיפְט פוּן לֵצִים, וֶועט אִים זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דַיין לֶעבְּן? נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, דִי לִיכְטִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכְן; דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען מְקָרֵב אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; אַנְטְקֶעגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען פְּרוּאוְוט יֶעצְט אוֹיס כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ, שְׁטֵייעֶן דִי סְפָרִים אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן מַאכְן לִיכְטִיג פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

גֶעבּ דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דְרוּקְן דִי סְפָרִים, גֶעדֶענְק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, וֶוער עֶס הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דַיין לֶעבְּן, נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים; דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַ מֵפִיץ הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִיר אַנְטְפְּלֶעקְט דִי אוֹר הַגָּנוּז לַצַּדִיקִים; זָאלְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב אוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די אִיבְּרִיגֶע חֵלֶק טָאג זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, פַארְמַאכְט אַייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְטְס ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן ווִי אִיר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, טְרַאכְטְס ׳אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין אוּן מְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מְצִיאוּת אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּנוּעָה אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס׳; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק ווָאס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי הֲנָאָה ווָאס מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אִין גַּן עֵדֶן.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר וֵויינְט אַסַאךְ וְכוּ׳; מֶען מֶעג וֵויינֶען, אָבֶּער נָאר אַבִּיסְל, אֵיין מָאל אַ טָאג מֶעגְט אִיר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען וְכוּ׳, אָבֶּער דִי אִיבְּרִיגֶע חֵלֶק טָאג זָאלְט אִיר זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד), נָאר אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאלְן מִיר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף ווָאס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ, נָאר קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ.

נֶעמְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים קוּמְט נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ טַאטֶע וֶועט זִיכֶער פַארְדֶעגֶען זַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נב): ״מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, פוּן דִי נַייעֶס שְׁרֵייט אַרוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מֶען קֶען נֶעמֶען רְמָזִים פוּן דִי נַייעֶס.

יֶעצְט אִיז דִי אַמֶערִיקַאנֶע בַּאפֶעלְקֶערוּנְג זֵייעֶר פַארְטוּן אִין דִי נַייעֶס אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט הָאט גֶעפַארְדְנְט (בַּאגְנַאדִיגְט) זַיין זוּן פוּן תְּפִיסָה; דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק וֶוען מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל בֶּעטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער פַארְבְּרֶעכֶער, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע אוּן אַ טַאטֶע וֶועט זִיכֶער פַארְדֶעגֶען זַיין זוּן, אִים גֶעבְּן נָאר גוּטְס, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר, פַארְדְן מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת, פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס מַאכְן מִיךְ פַארְגֶעסְן פוּן דִיר״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֲנוּכָּה אִיז מֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז שׁוֹין חֲנוּכָּה, דוּ וֵוייסְט אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי וָואס פָארְן קַיין אוּמַאן אוּם חֲנוּכָּה, מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי מִשְׁפָּחָה. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, חֲנוּכָּה אִיז מֶען אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער דַארְפְן זֶען דֶעם טַאטְן צִינְדְן דִי מְנוֹרָה. אֱמֶת, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים שַׁבָּת חֲנוּכָּה, דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ

פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הַיינְט - זָאגְט מוֹהֲרַא"ש - גֵייט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, חֲנוּכָּה בְּלַייבְּט מֶען אִין שְׁטוּבּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער.

בִּכְלַל אִיז גוּט צוּ ווִיסְן, דִי גֶעזוּנְטְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר קִינְדֶער אִיז - זַיין אִין שְׁטוּבּ, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט מֶער ווִי אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, וואוּ טַאטֶע מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט, וואוּ טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ; דָאס דַארְפְן קִינְדֶער, סֵיי חֲנוּכָּה, אוּן סֵיי אַ גַאנְץ יָאר; נִישְׁט מַתָּנוֹת מַאכְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַוֶועק פָארְן מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיכֶער נִישְׁט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, וָואס דִי קִינְדֶער קוּקְן אַרוֹיס צוּ זִיצְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן בַּיים טִישׁ אוּן זִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן גֵייסְטִישׁ.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז לַצַּדִּיקִים, דוּרְךְ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ; ווִי מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, מֶען דַאנְקְט אִים - אַלְץ מֶער שְׁפִּירְט מֶען דֶעם אוֹר הַגָּנוּז, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי בִּילִיגֶע גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז אַזַא זְכוּת דָאס אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל צוּ פַארְקוֹיפְן קְלֵיידֶער וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶענוּצְט אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן, דָאס פַארְקוֹיפְן פַאר אַפָּאר דָאלֶער; מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁפָּארְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת הַנִּצְרָכִים.

אַז אִיר שְׁרַייבְּט, עֶס פֶעלְט אוֹיס נָאךְ פְּרוֹיעֶן זָאלְן קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בְּהִתְנַדְּבוּת וְכוּ'; עֶס אִיז כְּדַאי צוּ מְפַרְסֵם זַיין פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען קֶען נִיצְן נָאךְ הֶעלְפֶער, אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת פְרֶעגְן כְּסֵדֶר וָואס זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל, אַזוֹיפִיל פְּרוֹיעֶן ווִילְן צוּגֶעבְּן פַארְן שְׁטֶעטְל, זֵיי ווִילְן אוֹיךְ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט אַז מֶען זוּכְט הֶעלְפֶער, אִיז כְּדַאי צוּ מוֹדִיעַ

זַיין אַז מֶען זוכְט נָאךְ פְּרוּוּעֶן זָאלְן הֶעלְפְן, סַיי מִיטְן אַרוּם רוּפְן גֶעשֶׁעפְטְן וָואס וַוארְפְן אַוֶועק קְלֵיידֶער פוּן דִי אַלְטֶע סֶעזָאן אִין מִיסְט, אוּן וֶוען זֵיי וֵוייסְן וֶוען אַז מֶען קֶען טוּן מִיט דֶעם אַ צְדָקָה - וָואלְטְן זֵיי דָאס אַוֶועק גֶעגֶעבְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן סַיי מִיטְן הֶעלְפְן אוֹיסְלֵייגְן דִי קְלֵיידֶער אוּן אַוֶועק וַוארְפְן דִי נִישְׁט גוּטֶע וְכוּ'.

ווי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר קֶענֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי פָּאר יָאר וָואס מִיר זֶענֶען דָא, אוּן מִיר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, עֶס אִיז נָאר אוֹיסְצוּבְּלָאזְן דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוְון, אַז מֶען שְׁלָאגְט אוּן מֶען שְׁרֵייט - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף בַּעֲלֵי מוּמִין. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", דוּרְךְ כַּעַס הָאט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ גֶּדֶר נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן, נִישְׁט צוּ שְׁלֶעפְּן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צִיפְּן אוּן שְׁטוּיסְן דַיינֶע קִינְדֶער.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין לוֹיט דִי א' ב'. לְמָשָׁל אוֹת א' - בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר". א' אִיז אֱמֶת, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן נָאר אֱמֶת, אִיךְ זָאל נִישְׁט פָּאפְּן אוּן נִישְׁט רֶעדְן שֶׁקֶר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֵיין אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג, זִיךְ נִישְׁט נַארְן". א' אִיז אֲכִילָה, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הִיט מִיךְ פוּן נִישְׁט כָּשֶׁר'ע עֶסְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיף אַלֶע אוֹתִיּוֹת.

ב׳ בָּנִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְט נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן זֵיי. ב׳ אִיז בַּיִת, בֶּעט אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּב אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, אַזוֹי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אַז אֲפִילוּ פְּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען - זָאלְן דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן - מוּז עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, ווייל דוּרְךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען מְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מא), אוֹיךְ מִיטְן גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים - אִיז מֶען מְתַקֵּן דֶעם חֵטְא.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ הָאבּ אַ שִׂמְחָה, מַיין טַאטֶע מַאכְט חֲתוּנָה זַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד, אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי אִים שַׁבָּת, בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת. אוֹיךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ - שַׁבָּת חֲנוּכָּה - וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ וֶועל זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מַאמֶע הָאט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

מֶען גֶעבְּט זִיךְ טַאקֶע אַכְטוּנְג פוּן דֶערְצֵיילְן וְכוּ׳, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע חֳדָשִׁים

דֶערְצֵיילְט מֶען נִישְׁט צוּלִיב עַיִן הָרָע, אָבֶּער פַּאר אַ מַאמֶע - אִיז אַ מִצְוָה צוּ דֶערְצֵיילְן, אוּן "שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע" (קֹהֶלֶת ח, ה), מִיט כִּיבּוּד אֵם דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, אַ מַאמֶע הָאט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע, אַ מַאמֶע ווִיל נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי טָאכְטֶער.

אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים; וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעווּאוּסְט ווִי שְׁטַארְק תּוֹדָה וְהוֹדָאָה אִיז, ווִי עֶס פַּארְטְרַייבְּט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, ווִי עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע עַיִן הָרָע׳ס - וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", מֶען וָואלְט טָאג אוּן נַאכְט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְטְרַייבְּט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַלֶע שֵׁדִים אוּן אַלֶע עַיִן הָרָע׳ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַּאר דִי בָּחוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי בָּחוּרִים, בִּפְרָט אוֹיף הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר דַארְף מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווּאוֹילֶער, מֶען דַארְף אִים מֶער אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, אוּן פְּרִיוַואט רֶעדְן מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ז), וֶוער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל? דֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער וָואס קוּקְט אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְדֶער - "כְּאִילּוּ יְלָדוֹ" (סַנְהֶדְרִין יט:), אַזוֹי ווִי עֶס אִיז זַיינֶע קִינְדֶער.

רֶעד מִיט דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִיבּוּל פֶּה אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער שִׁיקְט אַ שְׁלֶעכְטֶע מֶעסֶעדְזְשׁ זָאל מֶען יֶענֶעם אָפְּלָאזְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט יֶענֶעם. נִיבּוּל פֶּה אִיז סַם הַמָּוֶת, אוֹיבּ מֶען בַּאקוּמְט אַ מֶעסֶעדְזְשׁ מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע בִּילְד - זָאל מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן

פַאר'ן מַגִיד שִׁיעוּר און זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מֶען זָאל נָאר הָאבְּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פְּלָאגְן און מִיעֶן פַאר זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לֶערֶערִין ... תִּחְיֶ׳**

דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן מִיר אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן אַייעֶר כִּתָּה אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און אַזוֹי לִיכְטִיג.

וואוֹיל אִיז אַייךְ און וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר בֵּית פִיגָא, אִיר לֵייגְט אַרַיין אַייעֶר הַארְץ און אַייעֶרֶע כֹּחוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ רֵיינֶע חִינוּךְ, אַ חִינוּךְ פוּן אֱמוּנָה, אַ חִינוּךְ פוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לִיבּ הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועג, נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער אַרָאפְּצוּמָאלְן וָואס פַאר אַ שְׂכַר עֶס וַוארְט פַאר לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען בְּנֶאֱמָנוּת, פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס וֶועגְן.

עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אָנְהוֹיבּ יָאר וְויפִיל עַגְמַת נֶפֶשׁ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פִּינְקְטְלִיךְ וְויפִיל פְּלָאג און מִיה מֶען וֶועט הָאבְּן דִי יָאר; בַּיי אֵיינֶעם אִיז עֶס פְּלָאג און מִיה וָואס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, און בַּיי דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה - אִיז דִי פְּלָאג אִין מִיה אִין זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט, סַיי בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, דָאס קָאסְט פְּלָאג און מִיה, און סַיי בַּיי דִי וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיפִיל כֹּחוֹת דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט ווִיפִיל כֹּחוֹת דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער טָאג אַיין טָאג אוֹיס, ווִי זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער - וָואלְסְטוּ זֵיי גֶערוּפְן זָאגְן שְׁכֹּחַ און זֵיי מֵטִיב גֶעוֶוען.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ און רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין לֶעבְּן זָאל דִיר אַרִיבֶּער גֵיין מִיט תַּכְלִית.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הַפָּצָה, מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר דוּ הָאסְט זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט זֵייעֶר לֶעבְּן, הָאסְט זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט צֵיין ווֵייטָאג צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן פְּלִיגֶער קְרַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר׳ט זִיךְ ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס׳; וַוייל ווִי מֶער מֶען חַזֶר׳ט זִיךְ אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער גֶעזוּנְט וֶוערְט מֶען, און אַלְץ מֶער כֹּחַ הָאט מֶען.

אוֹיבּ עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס. יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, אַ קְלֵיינֶע פְּלִיגֶער הָאט אַרָאפְּגֶעקְרַאכְט און אַ אִיד

אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דֶערְצֵיילְט אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אוֹיף דֶעם פְלִיגֶער, עֶר לֶערְנְט זִיךְ יֶעצְט וִוי צוּ פְלִיעֶן, אוּן אַ טָאג פְרִיעֶר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע צֵיין וֵוייטָאג, אַז עֶר הָאט גֶערוּפְן דֶער וָואס לֶערְנְט אִים אוֹיס וִוי צוּ פְלִיעֶן אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען מָארְגְן, אוּן יֶעצְט דַאנְקְט עֶר אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי צֵיין שְׁמֶערְצְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה צוּ רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן.

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ לֵייגְט צוּ אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, אוּן נָאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז אִיר ווילְט מֶער נִישְׁט בֶּעטְן דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי

בְּריוו וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אַ תְּפִלָּה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיר זָאגְט עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס אִיר בֶּעט אוֹיף דֶעם, אַז אִיר קֶענְט מֶער נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן דִי תְּפִלָּה.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף תְּפִלָּה אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה - דַארְף מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן ווַייטֶער בֶּעטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב): "כִּי עִיקָר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", דִי גֶעוֶוער פוּן אַ אִיד אִיז תְּפִלָּה, "שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם", תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי ווִי דִי נָאז, דִי נָאז ווַייזְט אוֹיף אֲרִיכוּת אַפַּיִם, אוֹיף סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף אַסַאךְ גֶעדוּלְד בַּיי תְּפִלָּה, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת - דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַיינְנֶעמֶען אַלֶעס אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ נִיסִים.

זָאגְט יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְל כט, גְלֵייבְּט אִין דֶעם, גְלֵייבְּט אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיסְהֵיילְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט קַאפִּיטְל כט נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס וֶועט פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס וָואס שְׁוֶועבְּן אוֹיף אַייךְ, דִי שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס וֶועלְן אַוֶועק גֵיין.

"מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה' בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה' כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה' עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה' עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה' בַּכֹּחַ קוֹל ה' בֶּהָדָר. קוֹל ה' שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה' אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה' יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה' מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה' יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה' לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה' מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן אִין גְרַאמֶען.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן אִיז אַייךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן זַייט אִיר זֶענְט אַריינְגֶעקוּמֶען אִין 'בֵּית פֵּיגָא' - וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַייךְ אוֹיף דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה; אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן זַיין בְּעִיקָּר אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ. וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מִמֵּילָא אַלְצְדִינְג אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, וָואס עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן וֶועט עֶר זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז מוֹהֲרַאְ"שׁ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ קוּקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת נח.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק - דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא בֶּן זוֹמָא - וָואס וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶסְן בְּרוֹיט פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְן בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן מִיר אָנְגְרֵייטְן בְּרוֹיט"; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶסְן בְּרוֹיט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אִין דִי הַאנְט; עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אַקֶערְן, זֵייעֶן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעוַוארְט עֶס זָאל אַרוֹיסְוַואקְסְן וֵוייץ אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעדַארְפְט אַלֵיין אָפְּשְׁנַיידְן, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן בִּינְטְלֶעךְ פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי בִּינְטְלֶעךְ תְּבוּאָה אוּן דָאס גֶעדְרֶעשְׁט אוּן גֶעווִינְט-שָׁאוֶועלְט, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען דִי ווֵייץ קֶערְלֶעךְ הָאט עֶר עֶס גֶעדַארְפְט

צֶעמָאלְן און זוּפְּן, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען מֶעל פַּאר דִי אוֹיגְן, נָאךְ אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט, הָאט עֶר עֶס גֶעדַארפְט קְנֶעטְן און וֶועלְגֶערְן און אָפְּבַּאקְן – אַזוֹיפִיל מְלָאכוֹת הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעדַארְפְט טוּן בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט, און אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי און אִיךְ טְרֶעף פֶערְטִיגֶע פֵיינֶע בְּרוֹיט! יַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַזַא גוּטֶע און שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן נָאר פַאר מִיר".

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת, שָׁם) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא בֶּן זוֹמָא פְלֶעגְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "קוּק וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ מִיר, עֶר גֶעבְּט מִיר קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן; וִויפִיל הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְלֵייד... עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַ שֶׁעפֶעלֶע און אָפְּשְׁנַיידְן פוּן אִיר אַבִּיסְל וָואל, דָאס אוֹיסְוַואשְׁן, אוֹיסְקֶעמֶען, מַאכְן דֶערְפוּן פֶעדֶעמֶער און אוֹיפְנֵייעְן אַ קְלֵייד, און אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי און אִיךְ טְרֶעף פֶערְטִיגֶע קְלֵיידֶער, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן!" עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי לֶעבְן מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּלִיק; וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן הַר הַבַּיִת און גֶעזֶען פִיל אִידְן דָארְט, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע זָאלְן מִיךְ בַּאדִינֶען"; עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ גוּט אוֹיג.

דֶערִיבֶּער זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נז:): "הָרוֹאֶה בֶּן זוֹמָא בַּחֲלוֹם יְצַפֶּה לְחָכְמָה", וֶוער עֶס חָלוֹמְ'ט זִיךְ בַּיינַאכְט פוּן בֶּן זוֹמָא אִיז אַ גוּטֶע סִימָן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען חָכְמָה; וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה – צוּ קוּקְן גוּט אוֹיפְן לֶעבְּן, וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט און עֶר טוּט נָאר וָואס אִיז גוּט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ קוּקְן אוֹיפְן לֶעבְן מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן און וֵויינֶען זָאלְט אִיר נָאר דַאנְקֶען און לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; דוּ טוּסְט מִיר חֶסֶד אָן אַ צָאל. וְויפִיל אִיךְ זָאל דִיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען דִיר צוּ לוֹיבְּן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר בְּרֶענְגְט שְׁטֶענְדִיג אַרַיין אִין מִיר עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, עֶר מַאכְט מִיר מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר מַאכְט מִיר נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן; בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן קֶענֶען לֵייגְן מַיין מֹחַ צוּ טְרַאכְטְן נָאר פּאזֶעטִיוו. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוער בְּלִיק, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרַנַ"ת... פוּן מוֹהֲרָא"ש מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...]

## אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן מַתִּיר גֶעוֶוען צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל - אִיז דָאס נָאר אַן אֵיידֶעלֶע שֵׁייטְל, נִישְׁט קַיין לַאנְגֶע וְכוּ', צוּלָאזְטֶע וְכוּ'; דָאס אִיז אַ

פְּרִיצוּת, דָאס בְּרֶענְגְט אַ סַכָּנָה. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט וַוייזְן מִיט דִי הַאנְט אוֹיפְן אַקְסְל, בִּיז דִי אַקְסְל אִיז דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען גֵיין און נִישְׁט לֶענְגֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער סֵפֶר לָאזְט נִישְׁט פַאלְן, דֶער סֵפֶר בְּלָאזְט אַרַיין חַיּוּת, עֶס לֶעבְּט אוֹיף. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַ גְרִינְגֶע, פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ; אַז יֶעדֶער אֵיינֶער - מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל - זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאנִיצְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מוֹהֲרָא"ש הָאט נָאר גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער און דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶער דוֹר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צג): "עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ גְרוֹיסֶע לִיכְט וָואס שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶער פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה אִין דֶעם לִיכְטִיגְקֵייט, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען דִי לִיכְט און דָאס צֶעטֵיילְן אוֹיף קְלֵיינֶע לִיכְט, אַז אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ הַשָּׂגָה אִין דֶעם", עַיֵּין שָׁם; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט מִקְוֶה, עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אִין מִקְוֶה פַארְן לֶערְנֶען און זָאגְן תְּהִלִּים, וִוי אֵיידֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ לֶערְנֶען און זָאגְן תְּהִלִּים - אָן מִקְוֶה. וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין יֶעדֶע מָאל מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - וָואלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה.

מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ, פַּרְשַׁת אֱמוֹר), אַז דִי כַּת שַׁ״ץ יִמַּח שְׁמָם זֶענֶען גֶעוָוארְן אַפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף מִקְוֶה, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: ״׳מִקְוֶה׳ אִיז מִלָּשׁוֹן ׳תִּקְוָה׳, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן״. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: ״מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען״.

קוּק נִישְׁט אָן שָׁלוֹם בַּיִת וִוי אַ מָאדֶערְנֶע זַאךְ, כְּאִילוּ דָאס רֶעדְט מֶען בַּיי דִי מָאדֶערְנֶעזִירְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וִוי מֶער פְּרוּם מֶען וִויל זַיין - דַארְף מֶען מֶער זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט, אוּן אַז דוּ וִוילְסְט זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה (בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן) - זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן פוּן הַיינְט נָאר רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שִׂמְחָה פוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לֶעכְט, זָאל אִיבֶּערְרִינֶען אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן נַאכְט צִינְדְן מִיר שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, מַאךְ דִי מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן וֶוען דוּ טוּסְט דִי מִצְוֹת - זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דַיינֶע פְרוּמְקֵייטְן אִין אֵיין זַאךְ, נָאר אִין זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּ טוּן דִי מִצְוָה מִיט אַ חַיוּת, נִישְׁט מִיט קַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּן חוּמְרוֹת, עֶר נֶעמְט דִי שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דִי שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פוּן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת 'יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען? נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען?' אוּן עֶר טוּט דָאס אָן מִיט אַ פְרוּמֶע קְלֵייד, מִיט דִי נָאמֶען 'חוּמְרוֹת' אוּן מִיט דִי נָאמֶען 'זַיין אַ מְהַדֵּר', אָבֶּער זַיין כַּוָּונָה אִיז - אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה; וֶוען דוּ גֵייסְט צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט, דִי נֵרוֹת חֲנוּכָּה - זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל אִיבֶּער רִינֶען פוּן דַיין שִׂמְחָה אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב צוּ צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זֵייעֶר

אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב. מַאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת פָּארְאוֹיס, מִקְוֶה וְכַדוֹמֶה, אַלֶעס זָאלְסְטוּ טוּן פְרִיעֶר אִין טָאג - אַז בַּיים זְמַן זָאלְסְטוּ שׁוֹין צִינְדְן.

מִיר פִירְן זִיךְ אָנְצוּטוּן שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע בַּיים צִינְדְן, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם אוֹר הַגָּנוּז, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא הֲלָכָה וְאַגָּדָה, אוּן מֶען בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר דִי קִינְדְ'ס קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

הַיינְט עֶרֶב חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל פַאר אֵיין אִין זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק, פוּן שְׁנַת תשכ"ד בִּיז תשע"ה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו. בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדְן מַצָּב וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, ווִי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען ווִי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען נִישְׁט דִי סְפָרִים אוּן דִי בְּרִיוו וָואס אִיז אוּנְז אַזוֹי מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק.

וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט פַארְן בֵּית הַדְּפוּס פַאר דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מֶען וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת, אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ וֶוען אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ בִּין מְנַדֵּב גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן אַ בַּאקְס מִיט גֶעלְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲנוּכָּה בַּיי הַלֵּל זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם צַדִּיק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "בְּקוֹל גָּדוֹל", מִיט אַ הוֹיכֶע קוֹל - "זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען הוֹיבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל, "יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן - "מֵאוֹיְבֶיךָ", פוּן דַיינֶע פַיינְט; זִינְג: "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל", הָאסְט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן מַיין בְּלָאטֶע, "מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן", פוּן דִי מִיסְט הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; אִיךְ וֵוייס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען, וואו בִּין אִיךְ גֶעלֶעגְן; פוּן דִי מִיסְט, פוּן דִי טוּמְאָה - הָאט מִיךְ דֶער צַדִּיק מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי אוֹר הַגָּנוּז, דִי אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶס נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, נִישְׁט קַיין מִקְרֶה, קַיין מַזָל, עֶס אִיז נָאר דָא אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט - טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ בַּאקְס מִיט גֶעלְט? אַ שְׁטוּב מִיט גֶעלְט? וֶועסְט נָאכְאַלְץ דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָטֶעמֶען קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַלֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן אַ בַּאקְס מִיט לוּפְט, אוּן גֶעזוּנְט קֶענְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט אַלֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן אַ בַּאקְס מִיט גֶעזוּנְט, מֶען דַארְף אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז וָואס עֶפֶּעס בַּיי גֶעלְט פִיבֶּערְט דַיין מֹחַ וִוי מֶען קֶען אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט? אַנְשְׁטָאט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי לֶעבְּן צוּ טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן נָאךְ אֵיין מִינוּט 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מְחַיֶּה דִי וֶועלְט, מְהַוֶּה דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען אִיז גֶעדְרוּקְט'.

לִכְבוֹד חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים אוּן לֶעֶרִינְס

אַ טִיפּ (גֶעלְט-מַתָּנָה), חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, מֶען דַארְף אַלֶעס טוּן פַאר דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת, שַׁבָּת חֲנוּכָּה - אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען דִי דְרֵיי זְמַנִּים צוּ אִים; רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ. דֶער רֶבִּי רַאטֶעוֶועט אוּנְז נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם, מֶען טְרַאכְט פוּן גֶעלְט, פוּן תַּאֲווֹת, פוּן כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳; מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַחַיִּים וָואס קֵיינֶער וֶועט זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, אוּן דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, לֶעבְּן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה. שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמֶען מִיר פוּן רֶבִּי׳ן דִי זַאךְ פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אִין לֶעבְּן, אוּן אוֹיף דֶעם דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּב, זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּב, אוּן אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר דַן זַיין לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד): ״הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם״, דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן

וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר", זֵיי לַיידְן בִּשְׁעַתְ'ן טְרָאגְן, "וְהַלֵּדָה", נָאכְדֶעם דִי צַעַר פוּן גֶעבּוֹירְן, "וְהַגִּדּוּל", אוּן צַעַר פוּן אוֹיפְצִיעְן דִי קִינְדֶער, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאר יֶעדְן בַּאקַאנְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי זַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג), עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן, דִי טֶעג אוּן דִי יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

ווּאוּ אִיז דֶער רֶבִּי? ווּאוּ אִיז דֶער צַדִיק? דָארְט ווּאוּ מֶען רֶעדְט פוּן צַדִיק, אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אַ אִיד ר' מֹשֶׁה, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן צַדִיק, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִיק, מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ צַדִיק, אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת קוּמֶען דוּרְכְן צַדִיק - הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּפְלַאמְט, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי, (עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד).

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן צַדִיק, אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם

אֱמֶת, מַיין רֶבִּי אִיז טַאקֶע אַ צַדִּיק, אָבֶּער בַּיי אִים בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ״, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: ״מִיר זֶעעֶן אִין דִי תּוֹרָה (פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) פַּרְעֹה זָאגְט פַאר יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מא, לט) ׳אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ׳, נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעוִויזְן, זָאג אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער חָכָם וִוי דִיר״, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: ״פַּרְעֹה אִיז שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן דִיר, וַוייל וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דָא בַּיי מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִּיק - וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דָא וואו דוּ הֶערְסְט אַזֶעלְכֶע גִּלּוּיִים, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער צַדִּיק אִיז דָא״...

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אֲפִילוּ דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זִיךְ מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן ׳וֶוער אִיז מִיר מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער אִיז מִיר מְגַלֶּה אַז אִיךְ - וָואס אִיךְ וֵוייס דָאךְ יָא אַבִּיסְל וֶוער אִיךְ בִּין - זָאל אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳?׳ דָארְט אִיז דֶער צַדִּיק.

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע צַייטְן; אֲפִילוּ מֶען רוֹדְפְ׳ט זֵיי אוּן מֶען פַּיינִיגְט זֵיי, דָאךְ בְּלַייבְּן זֵיי גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לָאזְן נִישְׁט אָפּ זֵייעֶר דְבֵיקוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן דִי מִתְנַגְדִים, מֶען הָאט אִים פַארְ׳מַסְרְ׳ט פַאר דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אַז עֶר וִויל אוּנְטֶערְוַוארְפְן דִי רֶעגִירוּנְג, אוּן מֶען הָאט דֶעם צַדִיק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי רוּסִישֶׁע תְּפִיסָה.

קִינְדֶער, וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק, וָואס טוּט דֶער צַדִיק אִין תְּפִיסָה? קִינְדֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ צַדִיק אִיז, אַ צַדִיק טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,




הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ

אִים אִיז נִשְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר אִיז; וֶוען עֶר אִיז אִין שׁוּל טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּב טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפַּאצִירְן, אִינְטֶערְוֶועגְנְס טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע צַייטְן טְרַאכְט דֶער צַדִיק נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זָאגְט תְּהִלִים, עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "'פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקְּרָב לִי', אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ רַאטֶעוֶועסְט מִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל פוּן מַיינֶע מִלְחָמוֹת, פוּן מַיינֶע לַיידְן", אוּן עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי טִיר... עֶס קוּמְט אַרַיין דֶער גְרוֹיסֶער אָפִיצִיר, אוּן זָאגְט: "רַאבִּינֶער בַּאפְרֵייט!" דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קַאפִּיטְל תְּהִלִים אוּן מִיט דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, מִיר וֶועלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע טֶעג - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זָאגְן תְּהִלִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן נִסִים, אוּן מִיר וֶועלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

ב"ה

חנוכה
תשפ"ה
לפ"ק

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

## מעשה'לעך
מעשה'לעך פאר קינדערלעך #3

צווייטע פאזע:
אריסשטעלן 2

## עצתו אמונה
חלק א'

צווייטע פאזע:
אריסשטעלן 2
עודך!

## איש אמונות
תש"פ חלק א'

דריטע פאזע:
הגהה 3

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין: ר' ישעי' איידליס הי"ו: 347.831.1391 / ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו: 917.589.3382

dominogrp.com